ווערכנטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת האזינו ב', ח' תשרי תשפ"א לפ"ק
שנה ב' גליון מ"ו

**זמנים**
(Liberty)

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 6:31 |
| מוצאי שבת | 8:00 |
| הדלקת הנרות ערב יו"כ | 6:28 |
| מוצאי יו"כ | 7:57 |

## א מעשה פון תפלה

### יואל וועבערמאן - יצחק אהרן וויינבערג - חזקי שארף - בנצי יאקאבאוויטש

אפאר וואכן צוריק האב איך געמאכט א נייע פאספארט די באמטע האבן געזאגט אז עס גייט נעמען אפאר חדשים עס זאל אנקומען, יעדן טאג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אנקומען נאך פאר ראש השנה, שכח אייבערשטער אז ממש הארט פאר ראש השנה איז עס אנקומען, אפאר טעג פאר ראש השנה איז מען געווער געווארן פון א סענעטאר וואס העלפט ארויס צו באקומען די פאספארטן שנעלער ווי די נארמאלע צייט. מיט'ן אייבערשטענ'ס הילף וועט מען זיכער האבן א גוט געבענטשטע יאר.

### יודא לייב ווייס

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל קענען זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן, ביי די ברית וואס איז פארגעקומען דאנערשטאג נצבים וילך אין שטעטל פון הילד אליעזר שלמה בן ר' יוסף שניטצלער הי"ו האב איך זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן פאר דעם, נאכדעם איז איינער צוגעקומען ציר מיר זאגן אז ער האט א וועג פאר מיר אנצוקומען, איך האב מיך גלייך צוגעכאפט צו דעם און מוצאי שבת בין איך שוין געווען אויפן וועג, שכח אייבערשטער אז די גאנצע נסיעה אהין און צוריק איז אדורך זייער געשמירט אן קיין פראבלעמען.

### אלע משפחות אין שטעטל

מיר האבן אלע אסאך געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, מען האט געטוען די מערסטע השתדלות וואס מען האט געקענט צו אנקומען אהין, שכח אייבערשטער אז מען האט טאקע זוכה געווען צו זיין ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן, מיר האבן אלע געשפירט אז דער הייליגער רבי איז געווען מיט אונז ביי דעם קיבוץ אין שטעטל, און דער אייבערשטער וועט זיכער צוזאמנעמען אונזערע בערג פון תפילות וואס מיר האבן געבעטן און אונז שענקען א גוט געבענטשט יאר מיט אלעס גוטס, און אלע תפילות וועט זיכער העלפן אז ראש השנה תשפ"ב זאל מען זוכה זיין צו זיין אין אומאן ביים הייליגן רבינ'ס ציון.

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשוב'ע משפחה וואס האט זיך
אהערגעצויגן ביי אונז אין שטעטל

### יוסי פריעדמאן נ"י וזוגתו שיינדל תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און זיי זאלן קענען אויפציען די קינדער אויף דעם הייליגן רבינ'ס וועג און זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

## נייעס אין שטעטל

### קיבוץ ראש השנה אין שטעטל

מען האט פרובירט אלעס וואס מען האט געקענט צו זיין אין אומאן ראש השנה, אבער דער אייבערשטער האט אנדערש געפירט, דאס יאר איז די קיבוץ ראש השנה פון אנשי שלומינו פארגעקומען אין קרית ברסלב ליבערטי, דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך ארויסגעדריקט: **איך וויל מאכן דעם קיבוץ אין א שטעטל וואו אלע אן אויסנאם זענען עוסק אין הפצה.**

עס איז נישט דא די ווערטער ארויסצוברענגען די ווארעמקייט און די דערהויבנקייט פונעם יום טוב וואס מען האט דא מיטגעלעבט, מען האט זיכער גע'פועל'ט א גוטע יאר בגשמיות וברוחניות.

פאר מער א דעטאלירטע באריכט קוקט אריין אין דעם גליון היכל הקודש.

דא איז די פלאץ זיך צו באדאנקען פאר יעדע משפחה באזונדער פונעם שטעטל וואס האט ארויס געהאלפן מיט וואס עס האט זיך נאר אויסגעפעלט, מען האט אריינגענומען געסט ביי זיך אינדערהיים, און אזוי אויך האט מען גענומען אורחים ביי די סעודות און אזוי ווייטער, דער אייבערשטער וועט זיכער באצאלן פאר יעדן א גוטע זיסע יאר מיט אלעס גוטס.

### א יאר פון דעם קרית ברסלב בלעטל

עס לאזט זיך נישט גלייבן אז עס איז שוין דורך געלאפן א גאנצע יאר, אבער יא דאס איז די פאקט, א יאר צוריק ערב ראש השנה תש"פ האט מען אנגעהויבן ארויסצוגעבן דעם קרית ברסלב בלעטל און אזוי גייט עס שוין אן יעדע וואך ביז יעצט.

אז מען קוקט צוריק זעהט מען וויפיל שיינע זאכן עס האט זיך שוין אפגעשפילט אין דעם שטעטל במשך דעם גאנצן יאר, אסאך שמחות, אסאך תורה ותפלה איז שוין ארויס געקומען פון דעם הייליגן פלאץ ביז היינט, אסאך הפצה איז ארויס געקומען פון דא ביז היינט, אזוי אויך אסאך חינוך הבנים והבנות.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דעם קומענדיגן יאר תשפ"א זיין נאך שטערקער און נאך שענער, עס וועט אי"ה ארויס קומען פון דעם הייליגן ווינקל אסאך גוטס פאר אונז און פאר די גאנצע וועלט.

### דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל

דאנערשטאג נצו"י האט מען געהאט די זכיה אז דער ראש ישיבה שליט"א איז ארויס געקומען פאר א באזוך, מען האט געדאווענט מיט די זיבן אזייגער מנין, דערנאך איז פארגעקומען די ברית פון הילד אליעזר שלמה נ"י בן המלמד ומגיד שיעור מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו.

ביים סעודת ברית האט דער ראש ישיבה ארויסגעברענגט די חשיבות פונעם בעל השמחה ווי ער געט זיך אפ מיט די קינדער א גאנצן טאג און ביינאכט געט ער דעם גמרא שיעור פאר די אינגעלייט, א שטעטל קען נאר האבן הצלחה אויב עס איז דא אינגעלייט וואס לערנען.

דערנאך איז דער ראש ישיבה געגאנגען באזוכן די אינגלעך אין חדר און גערעדט צו זיי אפאר ווערטער, דערנאך איז ער אריבער צו די מיידלעך און דארט אויך גערעדט אפאר ווערטער.

דערנאך איז דער ראש ישיבה אריבער צו די אפיס פון די מוסד וואס ווי באקאנט האט זיך די אפיס פון די מוסדות אהער געצויגן ביי אונז אין שטעטל, עס איז דארט אויסגעשמועסט געווארן אלע איינצעלהייטן וויאזוי ווייטער צו פירן די מוסד.

נאכדעם איז מען אריבער אין בית המדרש דאווענען מנחה, נאך מנחה האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיט די עלטערע קינדער פון די עלסטע קלאס.

ואחרון חביב איז דער ראש ישיבה אריבער צום נייעם בנין קרן הדפסה היכל הקודש וואס בויעט זיך יעצט אונטערן בית המדרש, ווי ער איז איבער געגאנגען אלע איינצעלהייטן פונעם בויען און ארויס געברענגט די גרויסקייט פון האבן א בית הדפוס וואס וועט נאך מחיה זיין די גאנצע וועלט.

# א בריוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת נצבים-וילך, כ"א אלול, שנת תש"פ לפרט קטן

**לכבוד משפחת ... שיחיו.**

**ברוכים הבאים בשם ה'!**

איך בין היינט געווען אין שטעטל באזוכן די חדר, האב איך געזען דיין זון נרו יאיר; איך האב נישט געוואוסט אז דו האסט זיך שוין אריבערגעצויגן אין שטעטל.

איך בין זייער פרייליך צו הערן די גוטע נייעס אז נאך א חשוב'ע משפחה איז געקומען וואוינען אין קרית ברסלב, מיט'ן ציל צו געבן די גוטע חינוך - וואס דו האסט באקומען אין ישיבה אויף די עלטער - פאר דיינע קינדער אין זייערע יונגע יארן.

אז דו ביסט געקומען וואוינען אין שטעטל וויל איך דו זאלסט **העלפן בויען דעם שטעטל**, נישט סתם וואוינען וכו'; איך ווארט דו זאלסט מיר שרייבן וואס דו טראכסט צו טון צוצוגעבן אויפצושטעלן דעם שטעטל, עס זאל ארויסגיין א ליכטיגקייט פאר די גאנצע וועלט.

**א גוט געבענטשט יאר.**

* * *

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת מקץ, כ"ה כסליו, נר א' דחנוכה, שנת תשע"ט לפרט קטן

**לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר.**

וואויל איז דיר און וואויל איז דיין חלק אז דו שטעלסט צו פאר אלע בחורים זיי זאלן האבן וואו צו עסן די סעודות שבת.

הכנסת אורחים איז זייער א גרויסע מצוה, אין דעם זכות וועסטו האבן נחת פון דיינע קינדער.

געב איבער פאר אלע אינגעלייט וואס נעמען אריין געסט אז זייער זכות איז זייער גרויס אויבן אין הימל, דאס איז חוץ פון די מצוה פון געבן צו עסן פאר בחורים וואס האבן נישט קיין שטובער און האבן נישט וואו צו עסן. עס זענען דא בחורים וואס עסן א גאנצע וואך א סענדוויטש וכו' און האבן נישט קיין פיינע ווארעמע מאלצייט פאר נאכטמאל, ווי פלייש וכו'.

אבער חוץ פון די געוואלדיגע מצוה פון געבן צו עסן פאר די גופים האבן זיי א זכות אין זייער רוחניות. ווייל זייער אסאך בחורים האבן קיינמאל נישט געזען א שיינע שבת טיש, זיי קומען פון צעבראכענע שטובער וואו זיי האבן נאר געזען ווי מען קריגט זיך לא עלינו, דאס האט גורם געווען אז זיי זאלן באקומען **א פאלשע בליק אויף "אידישקייט"**, כאילו "אידישקייט" איז א שלעכטע זאך.

זייער אסאך פונעם יוגנט לאזן אפ אידישקייט נאר ווייל זיי האבן אין קאפ דעם פאלשן אימעדזש אז אידישקייט איז א נישט פרייליכע לעבן פון אזויפיל מיט מאכן קריגערייען אין שטוב.

דערפאר ווען זיי עסן א שבת סעודה ביי אנשי שלומינו און זיי זעען ווי שיין עס קוקט אויס א אידישער שטוב; דער טאטע זיצט אויבן אן ווי א קעניג, און די מאמע זיצט ווי א קעניגן מיט די ליכטיגע קינדער ביי די זייט. מען רעדט שיין און ליבליך איינער צום צווייטן, דאס מאכט אז זיי זאלן אפלאזן זייערע שלעכטע מחשבות וכו' און בלייבן ערליכע אידן מיט בארד און פיאות.

די הייליגע חכמים זאגן (שבת קכז.): "גְּדוֹלָה הַכְנָסַת אוֹרְחִים מִקַּבָּלַת פְּנֵי הַשְּׁכִינָה"; ווייל די **הכנסת אורחים איז גורם אז נאך א איד זאל זיך אומקערן צו מקבל זיין פני השכינה.**

איך האב שוין לאנג נישט געהערט פון דיר מעשיות פון הפצה; פארצייל מיר אלע מעשיות, בפרט ווען מען שרייט אויף דיר און מען פארשעמט דיר וכו'. איך וויל דיר מחזק זיין אז דו זאלסט נישט צעפאלן ווערן ווען מען פארשיקט דיר פון א שטוב, אויף מיר שרייט מען אויך, אזוי אויך פארשעמט מען מיר, נאר איך קוק נישט אויף דעם, איך קוק נאר צי איך קען מזכה זיין נאך א בחור און נאך א מיידל ליב צו האבן דעם אייבערשטן.

**גיי הפצה און לאך זיך גוט אויס...**

א גרויסן יישר כח פארן ארויסהעלפן די ישיבה מיטן געבן פאר די רענט פון דעם חודש ... דאללער; דער אייבערשטער זאל דיר העלפן אז אין דעם זכות זאלסטו האבן הצלחה אין אלע ענינים.

* * *

## חידות אפטײלונג



א) וואו האט מוהרא"ש געמאכט די קיבוץ ראש השנה די דריי יאר וואס ער האט נישט געקענט פארן קיין אומאן אויף ראש השנה?

ב) וואו רעדט דער הייליגער רבי פון דעם אונטערשטען טאג פונעם יאר?

ג) וועלכע יאר האט זיך געעפענט די גרעניצן צו קענען פארן אויף אומאן צום הייליגן רבין?

דער געווינער פון פאריגע וואך איז אשר אנשיל אפעלדארפער נ"י

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161
די גורל וועט פארקומען קומענדיגן דינסטאג אין שטעטל.

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) א האלבע יאר האסטו יעדן טאג געטראכט פון מיר!
ב) רבי שמעון
ג) דריטע מעשה אין סיפורי מעשיות


פאר אלע אייערע פלאמבינג געברויכן רופט דעם עקספערט

**יוסי פריעדמאן הי"ו**

347-831-6209

פאר אלע אייערע סוכה געברויכן

רופט ווי שנעלער האברך

**שמואל דוד ברוין הי"ו**

646-565-0966

פאר א אכסניא אין קרית ברסלב פאר יום כיפור

רופט

**משפחת מזרחי**

845-774-2426